**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול רופט אויס אפיציעלע עפענונג פון קאמיוניטי אוטריטש צענטערס פאר I-81 ווייעדאקט (VIADUCT) פראיעקט אין סירעקיוז**

***סאוט'סייד און דאונטאון טוען פארלייגן לייכט-גרייכבארע געלעגנהייטן צו זיך פארבינדן מיט פראיעקט טיעם מעמבערס און זען דעזיין מאטעריאלן***

***אינפארמאציע צו באקומען פאר ארבעט זוכער וואס זוכן צו ארבעטן אויף א טראנספארמעישאנעל פראיעקט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגערופן דאס עפענונג פון צוויי קאמיוניטי אוטריטש צענטערס צו צושטעלן אינפארמאציע און באקומען פיד-בעק איבער די טראנספארמאטיווע אינטערסטעיט 81 ווייעדאקט פראיעקט אין די סיטי פון סירעקיוז. אלס חלק פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע'ס אנגייענדע באמיונג צו ארבעטן האנט-ביי-האנט מיט קאמיוניטי סטעיקהאלטערס, געפינען זיך די צוויי צענטערס אין צוגענגליכע געגנטן אינעם סיטי וואס וועט ווערן באדייטנד באווירקט דורך דעם פראיעקט און וועט פארלייגן דעם ציבור דאס געלעגנהייט זיך צוזאמקומען און רעדן מיט פראיעקט טיעם מעמבערס, ווי אויך באטראכטן אויסארבעטונגען און אנדערע דעזיין מאטעריאלן וועלכע זענען פארבינדן צום פראיעקט. אינפארמאציע צו באקומען פאר ארבעט זוכער וואס זוכן צו ארבעטן אויף דעם היסטארישן פראיעקט וועט אויך זיין צו באקומען.

"היינט ווערט באצייכנט א וויכטיגע מיילשטיין פאר די אינטערסטעיט 81 ווייעדאקט פראיעקט וויבאלד מיר נעמען אונזער קאמיוניטי באמיונג זיך אריינצולאזן אין הארץ פון די סיטי פון סירעקיוז," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אוטריטש צענטערס געבן אונז די מעגליכקייט נישט בלויז זיך צוזאמטרעפן מיטן ציבור פנים-אל-פנים נאר אויך געבן אינפארמאציע צו ארבעט זוכער וואס זוכן צו ארבעטן אויף דעם היסטארישן אונטערבוי פראיעקט. מיר זענען שטאלץ צו זיין שותף מיט די קאמיוניטי אויף דעם אונטערנעמונג, און איך ערמוטיג איינוואוינער צו באזוכן אונז ביי אונזערע אוטריטש צענטערס מיט די באקוועמליכקייט פון זייער אייגנע געגנטן צו מאכן זיכער אז מיר קענען אריינפירן פיד-בעק פון די וועלכע קענען זייער קאמיוניטי אמבעסטן."

די אוטריטש צענטערס געפינען זיך אין די פאלגנדע ערטער און וועלן האבן די פאלגנדע צייטן, אנהויבנדיג פון מארגן:

- **Tucker Missionary Baptist Church**, 515 Oakwood Avenue, Syracuse. אפן דינסטאג און דאנערשטאג פון 2 p.m. ביז 6 p.m.
- **The Hills Building** (first floor), 217 Montgomery Street, Syracuse. אפן מאנטאג, מיטוואך, און פרייטאג פון 10 a.m. ביז 4 p.m.

דער ציבור ווערט ערמוטיגט צו באזוכןביידע אפיסעס צו באקומען אינפארמאציע אויפן פראיעקט, פרעגן פראגן און אנטיילנעמען אין די פארזעצנדע באמיונג צו אפנעמען ענטפערס פון די קאמיוניטי. ארבעט זוכער וואס זוכן צו ארבעטן אויפן I-81 ווייעדאקט פראיעקט קענען באזוכן די נייע אוטריטש צענטערס כדי צו מאכן פארבינדונג מיט עמפלאימענט גרופעס וועלכע האבן זיך איינגעשלאסן מיט NYSDOD אויף דעם פראיעקט אריינגעמיג Pathways to Apprenticeship, WorkSmartNY Syracuse Build, CNY Works, און ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לייבור'ס ארבעטסקראפט פארווערט: סירעקיוז, צו רעקרוטירן און טרענירן די וואס זענען פאראינטערעסירט.

די באמיונגען פון Grassroots געפירט דורך קאמיוניטי פארטנער Urban Jobs Task Force, אין שותפות מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע, די סיטי פון סירעקיוז און NYSDOT, האבן געהאלפן מאכן איינס פון די בעסטע לאקאל-דינגען געזעצן וואס איז באשטעטיגט געווארן אונטער די בייפארטיזאן אינפארסטראקטור געזעץ צו שטארקן דאס דינגען ארטיגע איינוואוינער פון אפגעשוואכטע זיפ-קאוד געגנטן מיט א בעסערע געהאלט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע קאמיסיאנער מארי טערעזע דאמינגעז האט געזאגט,** "פון די ערשטע טעג פון די אינטערסטעיט 81 ווייעדאקט פראיעקט זענען מיר איבערגעגעבן צו הערן די קאמיוניטי און ארבעטן מיט זיי צו פארזיכערן אז אט די היסטארישע אונטערנעמונג ווערט געטון ריכטיג און מאכט אלעמען שטאלץ דערמיט. די צוויי אוטריטש צענטערס זענען אן אינטעגראלע טייל פון אונזער איבערגעבנקייט און וועט ערלויבן אונזער טיעם מעמבערס צו זיין אנוועזנד אין א טייל פון די געגנטן וועלכע וועלן זען די גרעסטע באווירקונג פון דעם פראיעקט, און מאכן זיכער צו הערן ווייטער אלעס וואס די מענטשן האבן צו זאגן."

**סענאט רוב פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "די טראנספארמאציע פון I-81 איז שוין טיעף אין די ארבעט, א דאנק צו היסטארישע אינוועסטמענטס פון אונזער בייפארטיזאן אינפראסטראקטור אינוועסטמענט און דזשאבס אקט און אינפלעישאן רעדאקשען אקט. אונזער אונטערבוי דארף זיין פארבינדן, נישט צעטיילן אונזערע קאמיוניטיס, אבער שוין פון צו לאנג צוריק, האבן צענדליגע געגנטן אין דאונטאון סירעקיוז געווען צעטיילט דורך די 1950'ס ווייעדאקט וועלכע איז געבויעט געווארן אין די סאמע הארץ פון די סיטי. שוין לאנג איז צייט צו איבערקומען אט דעם צום און צוריק פארבינדן אונזערע קאמיוניטיס, מאכן מער צוטריט צו אקאדעמיע, העלט-קעיר, ביזנעס און מער פאר אלע, אזוי אז די סיטי סירעקיוז און אירע איינוואוינער קענען גרייכן זייער פולע פאטענציעל. איך לויב גאווערנער האקול און NYSDOT פארן ארבעטן מיט די קאמיוניטי צו אנהויבן פאררעכטן דעם שאדן וואס איז געטון געווארן צום סאוט'סייד געגנט, וועלכע איז געווען אפגעזונדערט פון גרויס סירעקיוז זינט די I-81 ווייעדאקט איז געבויעט געווארן."

**סטעיט סענאטור יאהן ו. מאניאן האט געזאגט,** "דאס אנטוויקלונג פון I-81 איז אן איינמאל-א-דור געלעגנהייט און די צוויי נייע קאמיוניטיס אוטריטש צענטערס ווייזן אז דער פראיעקט גייט פארווערטס מיט אן אפנקייט, דורכזיכטיגקייט, און אן איבערגעבנקייט צו ארטיגע ארבעט. איך ערמויג אלע אין די סירעקיוז קאמיוניטי צו בלייבן פארבינדן און באזוכן די צענטערס צו פארשטיין בעסער דעם פארנעם פון דעם פראיעקט, און אויסנוצן ארבעטס געלעגנהייטן, און זיין פארבינדן מיט פובליק באאמטע. איך לויב גאווערנער האקול און DOT פאר זייער פירערשאפט אין אט דעם היסטארישע אונטערנעמונג."

**סטעיט סענאטור ראכעל מעי האט געזאגט,** "נאך אזויפיל יארן פון פארשן און איבערקלערן, האט דער פראצעס פון ערזעצן I-81 מיט א קאמיוניטי גריד ערפאלג. דער פארשריט טוט פארזעצן מיט היינטיגן טאג'ס גרענד עפענונג. די אינפארמאציע צענטערס וועלן זיין קריטיש דורכאויס דעם פראצעס פון בוי-ארבעט אלס אן ארט פאר איינוואוינער צו אויסרעדן זייערע זארגן, פרעגן פראגן און הערן וועגן ארבעטס

געלעגנהייטן. איך בין צעפרידן צו וויסן אז די סטעיט וועט זיין א סטאבילע איבערגעגעבענע פארטנער דורכאויס די איינמאל-א-דור אונטערבוי פראיעקט. א דאנק גאווערנאר האקול פאר איר פירערשאפט אין די געהויבענע צייט."

**אסעמבלימעמבער וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "דאס גרינדן קאמיוניטי אוטריטש צענטערס צו העלפן געבן קאמיוניקאציע און אינפארמאציע איבער די אינטערסטעיט 81 פראיעקט איז א ווירקזאמע וועג פאר דעם סטעיט צו פארבינדן די סירעקיוז איינוואוינער מיט די אנגייענדע פראצעס. דער פראיעקט וועט ערנסט באווירקן דעם רעגיאן. די קאמיוניטי צענטערס וועלן פארלייגן אינפארמאציע אויף די דעזיינס, די פראיעקט טיעם מעמבערס און די פאטענציעלע שטעלעס."

**אסעמבלימעמבער פאמעלא האנטער האט געזאגט,** "דאס איבערבויען פון I-81 ווייעדאקט צו א קאמיוניטי גריד איז א דירעקטע רעזולטאט פון פארבינדן די קאמיוניטי און געבן ענטפערס. כדי צו פארזעצן צו איינפירן קאמיוניטי ענטפערס, איז פארשטענדליך צו באשטימען פלעצער פאר קאמיוניטי אוטריטש צענטערס. מיטן אנהויבן פון דעם פראיעקט, קוק איך אויס צוזאמארבעטן ווייטער מיט גאווערנער האקול צו זען אז די בוי-ארבעט און די ענדגילטיגע רעזולטאטן ענטפערן אויף די קאמיוניטי געברויכן אויף יעדן טריט פון דעם גאנג."

**אסעמבלימעמבער אל סטירפע האט געזאגט,** "צו האבן צענטראלע האבס פאר די ארטיגע מענטשן זיי זאלן האבן וואו צו באקומען איינצעלהייטן אויף די איינמאל-אין-לעבן קאמיוניטי גריד בוי-ארבעט פראיעקט איז זייער גוטע נייעס! דאס מיינט אז ארבעט זוכער, איינוואוינער, ביזנעסעס, סטודענטן, און טוריסטן גלייך וועלן קענען בלייבן פארבינדן מיט די לעצטע ארבעטס געלעגנהייטן, ווייעדאקט איבערבוי פאזעס, טרעפיק שניטן און רייזע טראקט אפציעס, צו זיי העלפן אנקומען וואו זיי דארפן אין דעם זיכערסטן און שנעלסטן אופן. א דאנק פאר גאווערנער האקול און דער דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע פארן שאפן א פרא-אקטיווע קאמיוניטי אינטערוועגץ אינערהאלב די מערסט באווירקטע געביטן. צוזאמען טוען מיר די נויטיגע ארבעט צו פארערכטן די אומרעכטן פון דעם פארגאנגענהייט און דערהייבן צענטראל ניו יארק."

**פאסטור דעקארטו דרעיפער פון טאקער מיסיאנער באפטיסט קלויסטער האט געזאגט,** "מיר שעצן אונזער שותפות מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע וועלכע געבט האפענונג, היילונג און העלפט די קאמיוניטי וועלכע ווערט באטראכט ביי פיל מענטשן אלס צעשלאגן, באעוולה'ט, געשעדיגט, און פונקציאנירט נישט. דער באציונג ווייזט אז ניו יארק סטעיט און זיין פירערשאפט זענען איבערגעגעבן צו שטארקן דאס לעבן און לעגענדי פון אלע איינוואוינער און קאמיוניטיס! עס איז א ברכה צו ארבעטן מיט אט דעם פיינעם גרופע פון פירערס."

די אונטערנעמונג פון I-81 ווייעדאקט פראיעקט איז א טייל פון גאווערנער האקול'ס אומפרעצעדענטע איבערגעגבנקייט צו מאדערניזירן ניו יארק סטעיט'ס אונטערבוי און אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע ברענגען יושר, פארבינדונג, און מולטי-מאדעל טראנספארטאציע געלעגנהייטן פאר קאמיוניטיס איבערן לאנד אין שותפות מיט די פעדעראל רעגירונג. די $32.8 ביליאן סטעיט קאפיטאל פלאן אדאפטירט אין 2022 העלפט נאכקומען דעם גאווערנער'ס וויזיע פאר א מאדערנע טראנספארטאציע סיסטעם וועלכע באדינט ניו יארקערס איבערן לאנד, און די I-81 ווייעדאקט פראיעקט וועט זיין אויסגעצאלט דורך א געמיש פון פעדעראל און סטעיט געלטער. פון ווען זי האט אנגעהויבן ארבעטן אין אפיס, האט גאווערנער האקול צוריק פארבינדן מיט קאמיוניטיס דורכן אונטערבויען וועלכע איז א סטעמפל פון איר אדמיניסטראציע, מיט איבער $3 ביליאן צוגעטיילט צו די דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע'ס קאפיטאל פלאן צו טראנספארמירן אזעלכע געגנטן אין איסט באפאלו, ראטשעסטער, סירעקיוז, אלבעני און די דרום בראנקס.

דורך די בוי-ארבעט פון די קאמיוניטי גריד, צילט די פראיעקט צו איבערקערן די נעגאטיוועע באשלוס געמאכט אין די 1950'גער יארן צו בויען די ווייעדאקט דורך די הארץ פון סירעקיוז. די קאמיוניטי גריד וועט באהעפטן געגנטער, פארבעסערן באוועגונג און פארבעסערן צוטריט צו און פון די אינטערסטעיט הייוועי נעטווארק און הויפט דעסטינאציעס, אריינגערעכנט די דאונטאון ביזנעס דיסטריקטן, ארטיגע שפיטעלער און סירעקיוז אוניווערסיטעט. עס וועט אויך צושטעלן זיכערע און ADA-צוגענגליכער פיסגייער און ביציקל באקוועמליכקייטן לענגאויס דעם פראיעקט שטח.

מען האלט יעצט אינמיטן גרויסע בוי-ארבעט אויף די ערשטע פון די מערערע קאנטראקטן פלאנירט פאר די פראיעקט. ארבעט אויף קאנטראקט 1 באשטייט פון איבערבויען די יעצטיגע אינטערסטעיט I-81/481 צפון-ריכטונג אינטערטשעינדזש צו די איבערגעמאכטע I-81 און Business Loop 81, און אינעם זעלבן צייט איבערטוישן טיילן פון I-481 צו די נייע I-81 און מאכן עטליכע גאסן און בריק פארבעסערונגען לענגאויס די קארידאר.

קאנטראקט 2, געשאנקען דעם לעצטן מאנאט, וועט אנהויבן דאס איבערגאנג פון די דרום'דיגע אינטערטשעינדזש פון I-81/I-481. צוזאמען זענען די צוויי קאנטראקטן קריטיש אויף צו אנהאלטן א הויכע-שנעלקייט אינטערסטעיט פארבינדונג מיט נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע צפון-דרום האנדל רוטס פון טענעסי צו די קאנאדישע גרעניץ.

אינפארמאציע וועגן דעם פראיעקט קען מען געפינען אויפן פראיעקט וועבזייט אויף I81.dot.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן